# עונג שבת

## פרשת תרומה תשע״ב

**גוט שבת אלע אידן.** רב שלמה חיים גראוסקין ז״ל איז א איד וואס האט אסאך מקרב געווען אידן אין די געגענט ארום די מיטעלע סטעיטס פון אמעריקע. איין מאל, איז רב גראוסקין געווען אויפ׳ן וועג אהיימצופארן צו דעם שטאט ״סאק לאועס״, אין דעם סטעיט ״מיזאורי״. רב גראוסקין האט געוואלט דאווענען מנחה דארט, אבער ״עצת ה׳ היא תקום...״ די זאך וואס ער האט געפלאנט איז נישט אויסגעקומען.

עס איז געווארן שפעט אינעם טאג און רב גראוסקין איז געווען אין ״אייאועא״, א סטעיט לעבן זיין היים אין ״מיזאורי״. ער האט זיך איינגעזען אז ער וועט נישט קענען דאווענען מנחה באצייטענס מיט א מנין אין דער היים. ״אייאועא״ האט נישט אין זיך קיין גרויסע אידישע קהילות, דערפאר איז נישט דארט געווען קיין מנינים. רב גראוסקין האט בשום אופן נישט געוואלט דאווענען מנחה ביחידות, אבער וואס האט ער געקענט טון? ער איז געווען אין וויסטעניש אין מיטן ״אייאועא״. ווען עס איז געווארן זייער שפעט, האט ער אפגעשטעלט זיין קאר אין א קליינע דערפעל אין אייאועא זוכענדיג א פלאץ צו דאווענען מנחה. ער איז אריין געגאנגען אין א פאסט אפיס, און ער האט געפרעגט א מענטש דארט: ״ווייסט איר אויב עס זענען דא אידן אין די דארף?״

״עס איז דא איין איד און אונזער דארף,״ האט דער מענטש אין פאסט אפיס אנגעהויבן צו זאגען, ״ער הייסט איידעלשטיין״ (נישט זיין עכטע נאמען) דער מענטש אין פאסט אפיס האט איבערגעגעבן פאר רב גראוסקין וואו אזוי אנצוקומען צו דעם איד איידעלשטיין. רב גראוסקין איז געפארן צו מר. איידעלשטיין און ער האט געקלאפט אויף זיין טיר. מר. איידעלשטיין איז געווען אן אלטער מענטש. רב גראוסקין האט געזאגט פאר מר. איידעלשטיין אז ער זוכט א שול וואו ער קען דאווענען מנחה. (ווייל אפילו מען דארף אמאל דאווענען ביחידות וועגן עפעס אן אונס, איז עס בעסער צו דאווענען אין א שול.) ווען מר. איידעלשטיין האט געהערט רב גראוסקין פרעגן וועגן א שול אין די געגענט, האט מר. איידעלשטיין אנגעהויבן צו לאכן. ״עס זענען נישט דא קיין שולס אין די געגענט ביז אפאר הונדערט מיילס פון דא.״ רב גראוסקין האט געבעטן פון דעם עלטערן איד אויב ער קען דאווענען אין זיין הויז. דער איד האט מסכים געווען און רב גראוסקין איז אריינגעקומען אין הויז און ער האט דארטן געדאווענט.

נאך מנחה, האט רב גראוסקין געפרעגט דעם איד אויב ער מעג עסן זיין אייגענע נאכטמאל אין זיין הויז. מר. איידעלשטיין האט אנגעטראגן פארן רב גראוסקין אז ער זאל עסן א ווארימער סעודה צוזאמען מיט אים ביי זיין טיש. אויף א שיינע אופן האט רב גראוסקין באדאנקט מר. איידעלשטיין, זאגענדיק אז ער האט מיטגעברענגט מיט זיך אייגענע עסן, און ער האט נאר געזוכט א פלאץ זיך צו וואשן די הענט. (ווייל רב גראוסקין האט זיך פארגעשטעלט אז יענער איד איז געווען א פרייע איד, ווייל ער האט געוואוינט אין א אזא גוי׳עשע געגענט.)

״איך ווייס וואס דו טראכסט...״ האט מר. איידעלשטיין געזאגט פאר רב גראוסקין. ״אבער, דו זאלסט וויסן, אז אין אמת׳ן אריין, קענסט דו עסן מיט מיר, ווייל איך בין א שומר שבת.״ רב גראוסקין איז געווארן איבערראשט. א שומר שבת איד אין די געגענט?!? רב גראוסקין האט זיך געוואונדערט אויב עס איז אמאל דארט געווען א מנין אין די געגענט. מר. איידעלשטיין האט אנגעהויבן צו דערציילן ווי אזוי ער איז געווארן א שומר שבת...

פאר מיר גייען ענדיגען די מעשה, לאמיר זען ווי די מעשה האט א שייכות מיט דער וואכעדיגער סדרה. עס שטייט אין פסוק: ״ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם.״ איר זאלט מאכן פאר מיך א מקדש, און איך גיי רוען אין זיי. (שמות כה,ח) די מפרשים פרעגן פארוואס עס שטייט ״בתוכם״ אין זיי? לכאורה לויט דעם פשוט פשט אז דער פסוק רעדט פון דעם מצווה צו בויען א מקדש, האט דאך געדארפט שטייען אין פסוק ״בתוכו״ אין אים, ד״ה דער מקדש. ענטפערן די ספרים הקדושים, ״בתוכם״ מיינט די אידן. ד״ה, די הייליגע שכינה וועט שורה זיין אין יעדען איד.

נאך מער, קומט דער פסוק אונז צו לערנען אז וואו נאר די אידן זאלן זיין אויסגעשפרייט אין דעם טינקעלן גלות, טוט די הייליגע שכינה באגלייטן און רוען צווישן אידן. אזוי ווי דער של״ה הקדוש איז מסביר ״... ונמצאת השכינה כאכסנאי הולך ממקום למקום, ולזה אמר ושכנתי בתוכם, ולא אמר ושכנתי למטה אלא בתוכם, כדמיון אכסנאי, כלומר בכל מקום שילכו [בני ישראל] אלך עמהם ואשכון בתוכם וכו׳״ (ספר שמות ־ פרשת תרומה, תורה אור א) איז לאמיר יעצט ענדיגען די מעשה וואס ווייזט אויף א שטארקע אופן ווי די הייליגע שכינה באגלייט יעדען אידן, אין אלע עקן וועלט.

מר. איידעלשטיין האט אנגעהויבן צו דערציילן זיין אינטערעסאנטע מעשה, ווי אזוי ער איז געווארן א שומר שבת. מר. איידעלשטיין איז געקומען וואוינען אין אמעריקע נאך די צווייטן וועלט מלחמה. פאר די מלחמה איז מר. איידעלשטיין געווען פריי. ווען ער איז געקומען קיין אמעריקע, האט ער נישט געקענט רעדן קייןווארט ענגליש. וועגן דעם איז ער געווארן א פעדלער. ער פלעגט ארומפארן אין שטעטלעך מיט א פערד און וואגן פארקויפן זיינע זאכן, **זיבען טעג א וואך.**

איין טאג שבת אינדערפרי איז ער אריינגעקומען אין א קליינע שטעטל. ער האט געקלאפט אויף אסאך טירן אבער יעדער איינער האט צוגעקלאפט די טיר אין זיין פנים. ער איז געווארן אנטוישט. פארוואס זענען די אלע מענטשן געווען אזוי קאלט צו אים? באלד דערנאך איז ער געווואר געווארן... ער האט זיך מיישב געווען אז ער גייט קלאפן נאך אויף איין טיר אין דעם שטעטל פאר ער וועט ארויספארן פון דעם שטעטל. דער לעצטע טיר אויף וואס ער האט געקלאפט האט געהערט צו דעם הויפט פאליצאנט אפיסער פון דעם שטעטל. דער פאליצאנט האט ארעסטירט מר. איידעלשטיין און ער האט אים איינגעשפארט אין תפיסה. דער אינטערעסאנטע זאך איז געווען אזוי: דער שטעטל איז געפירט געווארן דורך א געוויסע מין גלויביגע גוים וועלכע האלטן זייער רוה טאג אין די זיבעטע טאג, וואס דאס איז שבת, אזוי ווי ביי אונז להבדיל בין קדושה וטומאה. (רוב גוים האלטן אבער זונטאג פאר א רוה טאג) וועגן דעם, איז עס געווען קעגען דעם געזעטצען אין יענעם שטעטל צו פארקויפן זאכן אין זייער רוה טאג.

זונטאג אינדערפרי האט מען געברענגט מר. איידעלשטיין פאר א שופט. מר. איידעלשטיין האט געזאגט פארן שופט אז ער האט נישט געוואוסט די געזעטצען. ״איך קען דיך נישט מוחל זיין,״ האט דער גוי׳עשע שופט אנגעהויבן צו זאגן מיט אן ערנסטע פנים. ״דו ביסט א איד, דו האסט געדארפט וויסן אז ס׳איז אסור צו פארקויפן אין שבת, עס שטייט דאך אין די געזעטצען פון דיינע תורה! דיין קנס איז פופציג דאלער אדער דרייסיג טעג אין תפיסה.״

״איך בעט אייך...״ האט מר. איידעלשטיין געזאגט מיט א געוויין, ״זייט מוחל, איך האב נישט געוואוסט אז עס איז שבת!״

״איידעלשטיין״ האט דער שופט געזאגט, ״איך זאג דיך וואס... איך בין גרייט דיך מוחל צו זיין אויב דו גייסט יעצט צוזאגן אז דו גייסט פון היינט און ווייטער היטן שבת.״ מר. איידעלשטיין האט מסכים געווען און דער שופט האט אים מוחל געווען אינגאנצן.

די נעקסטע וואך שבת אינדערפרי איז מר. איידעלשטיין שוין געווען אין אן אנדערען שטעטל. ער איז אויפגעשטאנען און איז ער ארויסגעגאנגען צו זיין פערד און וואגן, גרייטנדיג זיך ארויסצופארן פארקויפן זיינע זאכן, אזוי ווי יעדן טאג אין דעם וואך. ווען ער איז געווען אויפ׳ן וועג צו גיין צו די פערד, האט ער זיך דערמאנט וואס האט פאסירט די פריעדיגע וואך. ער האט געטראכט ״לעצטע וואך האב איך צוגעזאגט אז איך גיי היטן שבת, ווי קען איך נישט האלטן מיין ווארט?״ און פון דעמאלט אן איז ער געווארן א שומר שבת. (פון חזויות של גדלות, רב יוסף ווייס, עמ׳ לג)

ווען מר. איידעלשטיין האט געענדיגט דערציילן זיינע מעשה איז רב גראוסקין געבליבן מיט אן אפענע מויל. דורך אלע זיינע יארן עוסק זיין מיט בעלי תשובה, האט רב גראוסקין קיינמאל נישט געהערט אזא מורא׳דיגע מעשה. א גוי האט געמאכט א איד פאר א שומר שבת! רב גראוסקין האט זיך געזעגענט פון מר. איידעלשטיין און פון דעם קליינעם דערפל אין מיטן אייאועא, א פלאץ וואו ער האט קיינמאל זיך נישט פארגעשטעלט צו טרעפן אידישקייט.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר חסידישע אידן זאלן זיך נישט דארפן ארומדרייען אין אזעלכע פלעצער וואו מר. איידעלשטיין וואוינט. אבער מיר דארפן וויסן אז אפילו אין די פלעצער קענען מיר טרעפן ניצוצות פון קדושה ווייל דער אייבערשטער האט אונז צוגעזאגט אז ״ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם״ אז וואו מען איז אפילו אין דעם טינקעלן גלות, טוט די הייליגע שכינה אונז באגלייטן. **גוט שבת אלע אידן.**